# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך גיטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רייניער קוואל

## איך בין אַ בן מלך, אַ קליינינקייט?

מיר שטייען שוין זייער נאָנט צום הייליגן גרויסן טאָג יום טוב שבועות, זמן מתן תורתנו הק', די תורה איז אונזער לעבן אונזער חיות, אַזוי ווי מען זאָגט יעדן טאָג אין ברכת אהבת עולם "ונשמח בדברי תלמוד תורתיך ובמצותיך לעולם ועד, כי הם חיינו.."

קינדער, ווען דער אויבערשטער וויל אונז היינט געבן די תורה וואספאַרא פּלאַץ וואלט געווען אַ פּאַסיגע און אַ ריכטיגע מקום דערפאַר? לכאורה אין עפּעס גאָר אַ הייליגע פּלאַץ אין ארץ ישראל א.ד.ג. איז פאַרוואס טאַקע האָט דער אויבערשטער געגעבן די תורה אין חוץ לאָרץ אין אַ פּוסטער ליידיגער פּלאַץ פול מיט קלפּות און מזיקים ווי דער פסוק זאָגט: "מקום נחש שרף ועקרב".

דער תירוץ ענטפערט אונז ר' נתן אין לקוטי הלכות (גביות חוב ג') און דאס איז אַ ענטפער פאַר יעדן איינציגן איד. פאַר אַ איד וויל זוכה צו מקבל זיין די תורה, יעדער לויט זיין דרגה, למשל, ווען אַ אינגל גייט אַרויף אַ נייע כתה, אָדער אַ בחור נעמט זיך צום לערנען, איינער שטאַרקט זיך מיט אמונה, אָדער ער נעמט זיך פאַר צו שטאַרקן מיט גוטע מדות א.ד.ג דעמאָלט גייט אַריבער אויפן מענטש אַ מדבר - ספיקות מיט בלבולים, אַלע סאָרטן מניעות און תאוות מיט טרדות א.א.וו.

אָבער ווען דער איד האַלט זיך פעסט אָן יאוש און לויפט צום אויבערשטן און צו די קדושה, איז ער דעמאָלט זוכה צו אַרויפגיין אַ דרגה וואס ווערט גערופן "קבלת התורה", ער גייט טאַקע אַריבער נסיונות אַזוי ווי אין אַ מדבר עס איז פוסט טריקן אָן קיין שאָטן, קיין טראָפּל וואַסער געפינט מען נישט דאָרט, אָבער אַז דער מענטש האַלט זיך שטאַרק באַקומט ער אַ נייע תורה.

וויאַזוי קען מען טאַקע אין אַזעלכע אומשטענדן שטיין אַזוי פעסט קעגן דעם אָפּענעם מויל פונעם ס"ם? נאָר מיט תפלה און

אויף זייט 3



המשך פון זייט 1

מִיט דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה פוּן זוֹכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת. אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף זִיךְ מְחַיֶּה זַיין אוּן לוּסְטִיג זַיין אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעוֶועלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין דֶער בַּאלִיבְּטֶער בֵּן יָחִיד פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן! אִיךְ בִּין אַ בֶּן מֶלֶךְ, אַ קְלֵיינִיגְקֵייט?

דֶערְפַאר פִּירְט מֶען זִיךְ טַאקֶע בַּיי אוּנְז צוּ טַאנְצְן שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט צְווִישְׁן אֵיין תִּיקוּן אוּן צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַצַ״ל פְּלֶעגְט פַארְצֵיילְן אַז אִין אוּמַאן פְלֶעגְט אַ חֵלֶק עוֹלָם זָאגְן דֶעם תִּיקוּן אוּן דֶער אַנְדֶערְער עוֹלָם אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַ טֶענְצְל, דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זִיךְ גֶעבִּיטְן!

אַוַודַאי נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אִין דֶעם טָאג וֶוען עֶס פַאלְט אוֹיס דִי יָארְצַייט פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ דֶער נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל. דֶער תְּהִלִּים אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע הִתְבּוֹדְדוּת וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן נִצֹּל וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע שׂוֹנְאִים - דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט זַיינֶע חַיָּלוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַז סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד בִּפְרָט, יֶעדֶער מִיט זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, ׳הַכֹּל׳ - אַלֶעס אִיז מְבֹאָר אוּן מְפֹרָשׁ אִין תְּהִלִּים.

דֶער עִיקָר יְסוֹד פוּן אַלֶע עֵצוֹת וִויאַזוֹי זִיךְ מְקָרֵב צוּ זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז נָאר דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אַנְדֶערֶע בַּקָּשׁוֹת אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה, אַז מֶען וֶועט שְׁטֶענְדִיג זַיין שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל מִיר שֶׁענְקֶען זַיין גֶענַאד, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין וֶועט מֶען זִיכֶער גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה, אַשְׁרֵי לוֹ! אַזוֹי הָאבְּן מִיר פַארְשְׁטַאנֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס רֵייד.

עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ גוּטֶע עֵצוֹת אִין רֶבִּי׳נְס סְפָרִים וִויאַזוֹי נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער רוֹב מָאל זֶענֶען דִי עֵצוֹת אַלֵיין זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין, דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָר דִי תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואסֶערֶע דִּבּוּר עֶס קוּמְט נָאר אַרוֹיס, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר וַוייט וֶועל אִיךְ וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אִים, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער בַּאשֶׁעפֶער זִיכֶער עֶנְטְפֶערְן אוּן מִיר בְּרֶענְגֶען צוּם אֱמֶת בְּלִי סָפֵק,

אָבֶּער בְּרוּדֶער חֲזַק וֶאֱמָץ! אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן הָאף צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוֹיב חַס וְחָלִילָה דַיין תְּפִלָּה אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, חֲזוֹר וְקַוֵּה וְכֵן לְעוֹלָם - הָאף אוּן בֶּעט נָאכְאַמָאל, בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַרָאפְּקוּקְן אוּן דִיר הֶעלְפְן.

דִי זַאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי דַארְף מֶען חֲזֶרְ׳ן טוֹיזְנְטֶער מָאל זִיךְ צוּ הַאלְטְן פֶעלְזְן פֶעסְט, כִּי לֹא יִטֹּשׁ ה׳ אֶת עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזוֹב! (מִתּוֹרָה ק״א תִּנְיָנָא)

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּן דָאסְנֵיי, מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן פְרִישְׁקֵייט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה מִיט דִי עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אַזוֹי אוֹיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט זָאגְן תְּהִלִּים אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה הַשְּׁלֵמָה בב״א.

# הַפָּצָה קינדער

קינדער פון מפיצים דערציילן אלעס ארום הפצה




איך הייס יענקי, צען און א האלב יאר

**יענקי, דערצייל אונז איבער די זכיה וואס דו האסט צו טון יעדע וואך פאר הפצה.**

אקעי, איך וועל בעז"ה קודם אנהייבן צו דערציילן וויאזוי מיין טאטע האט בכלל אנגעהויבן מיט די הפצה, וואס ציט זיך שוין איבער צוועלף יאר, עס האט זיך געגרינדעט נאך פאר ווען איך בין געבוירן, ממילא ווייס איך נישט אלע דעטאלן ארום, אבער דאס ביסל וואס ער האט מיר דערציילט וועל איך פרובירן איבערגעבן.

פאר צוועלף יאר צוריק האט א חשוב'ער איד אין בית שמש אנגעהויבן צו זאמלען שיינע שטיקלעך פון רבי'נס ספרים אויף די פרשה און אויפגעהאנגען אין ברסלב'ע בית מדרש אז סיי די ברסלב'ע חסידים און אויך סיי וועלכער איד לערנט די תורות און מעשיות זאל זיך קענען טרעפן שיינע עצות און געשמאקע ווערטער פון הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים. אזוי אויך נעבן קאווע שטיבל וואו עס איז געווען אויסגעשטעלט עטליכע סארטן קאווע, פלעגן אינגעלייט פון אלע קרייזן און שיכטן בשעת'ן טרונקען, זיך פארקוקן אויף די הייליגע בלעטלעך אויף די ווענט און מאכן א בורא נפשות מיט א ברען נישט וויסנדיג פון וואו עס איז זיי אריין א הרהור תשובה.

עס זענען געווען אזעלכע אינגעלייט פון פארשידענע קרייזן וועלכע זענען מיט דער צייט געווארן א חלק פון די ברסלב'ע געמיינדע א דאנק די צעטלעך אויף די ווענט.

נאך א שטיק צייט האט מיין טאטע גענומען אויף זיך די אויפגאבע פון אויסקלויבן גוטע שטיקלעך פון ליקוטי מוהר"ן, ליקוטי הלכות, סיפורי מעשיות, די בריוון פון ר' נתן ותלמידיו און נאך און קלעבן אויפן וואנט. עס האט זיך געצויגן א שיינע שטיק צייט, ביז ווען איין שבת זענען צוגעקומען צוויי דריי אינגעלייט צו מיין טאטן און געבעטן אז ווען ער מאכט די צעטלעך זאל ער אויך דרוקן פאר זיי א ביכעלע, א קליין גליון אזוי וועלן זיי קענען איבערזאגן ביים שבת טיש די געשמאקע ווערטער פון הייליגן רבי'ן וואס קילט אפ דאס הארץ פון די ברענענישן פון דער וועלט וואס פלאקערט, זאל

ענדערש ברענען די פייערדיגע עצות פון רבי'ן אין אונזערע קינדער'ס הערצער האבן זיי געטענה'נט, און מיט רעכט...

אזוי האט מיין טאטע יעדע וואך געדרוקט איינס צוויי גליונות פאר עטליכע אידן און פון דארט איז עס שוין ארויס פון זיין קאנטראל, דער מפיץ הגדול, דער הייליגער בעל תפלה האט שוין געזארגט אז נאך הונדערטער און טויזנטער אידן זאל יעדן וואך לערנען די נקודה פון דער וואכעדיגער פרשה וואס איז שייך פאר יעדע אידישע הארץ אין יעדן ארט אין דער וועלט וואו ער געפונט זיך.

## איז דא אידן וועלכע זענען מקורב געווארן צום רבי'ן דורך דער גליון?

קודם כל, מיין טאטע חזר'ט מיט אונז אלעמאל אז יעדער איד וואס לערנט איין ווארט פון רבי'ן איז שוין גאר א גרויסע געווינס וואס העלפט פאר דעם איד אויף דער וועלט און זיכער אויף יענער וועלט, מיר האבן נישט קיין השגה אפילו אין א קליינע שיחה פון הייליגן רבי'ן, מיר ווייסן און מיר גלייבן אז גאר שטארקע רפואות געפינט זיך אין דעם. דאס איז איינמאל איינס. און צוויי, יא, עס זענען דא אסאך סיפורים ארום דעם, איך ווייס נישט קיין סאך, אבער איין מאל איז געווען א איד פון חוץ לארץ וועלכער האט געפרעגט מיין טאטן, נאך וואס ער האט געליינט א שטיקל סיפורי מעשיות און קיינמאל בעפאר האט ער נישט געזען אזא ספר, האט ער געפרעגט וואס דאס איז סיפורי מעשיות? און אפאר טעג שפעטער האט ער טאקע געקויפט דעם ספר און געווארן מקושר צום רבי'ן.

איך ווייס אז עס זענען געווען נאך אידן, סיי אין ארץ ישראל און אויך אין חוץ לארץ וועלכע מיטן לערנען א שטיקל ליקוטי הלכות האבן זיי אנגעהויבן האבן שייכות מיט די הייליגע ספרים און זיך געמאכט פאר זיך שיעורים כסדרן אין זיי. איינער פון זיי האט טאקע געבעטן אז מען זאל אלעמאל צושרייבן דער אות וואו עס געפינט זיך פינקטליך דער שטיקל אין ליקוטי הלכות, מען זאל נישט שרייבן למשל נאר 'הלכות ברכת השחר הלכה ה'' ווייל עס זענען פאראן איבער הונדערט אותיות אין דער הלכה און גיי זוך א קליין גאלדענע קנעפל צווישן צענדליגער טויזנטער קאלירטע דיימאנטן... פון דאן איז מען טאקע מקפיד צו שרייבן גענוי דאס ארט, דער אות וואו מען קען טרעפן די טייערע דיימאנטן און רפואות.



## צוריק צום ערשטן פראגע, מיט וואס העלפסטו צום גליון?

איז אזוי, מיין טאטע זאל זיין געזונט דרוקט די גליונות נעבן אונזער שטוב, אויף אונזער גאס איז דא א שטיבל וואו דארט האבן עטליכע ברסלב'ע מפיצים געקויפט א גרויסע מאשין וואס דרוקט יעדע וואך טויזנטער גליונות, יעדער מפיץ האט זיך זיין צייט ווען ער קען נוצן די מאשין, אסאך מאל גיי איך דארט און איך נעם ארויס די ביכלעך, איך בין עס מסדר אין פישקעס, שפעטער אין שטוב מיט די הילף פון מיינע געשוויסטער ציילט מען עס אפ און מען צעטיילט עס גרייט צו ווערן

צעשפרייט אין גאר אסאך ברסלב'ע שולן ארץ ישראל.

עס מאכט זיך אויך אסאך מאל ווען מען יאגט נישט אן צו כאפן דעם שליח וואס מאכט די הפצה, האב איך דאן די זכיה צו גיין מיט מיינע פיס אין שולן ארום אונזער געגנט צו טיילן די הייליגע גליונות, איך שפיר דאס פאר א גרויסע זכיה, כאטש עס קומט נישט אלעמאל אן אזוי גרינג און אסאך מאל איז עס אויפן חשבון פון מיין שפילן. מיין טאטע האט מיר אמאל געזאגט אז דער זון פון ר' נתן, איך מיין אז ער האט געהייסן יוסף יונה, אלס קינד פלעגט ער העלפן שלעפן און לייגן די פאפיר ביי ר' נתן'ס דרוק, האב איך אויך ב"ה די זעלבע זכיה.

דער רבי האט דאך אמאל געזאגט, "אז ער וועט שטיין און דער זייט און קוקן ווי מען דרוקט זיין ספר", נא, וואס קען זיין בעסערס פון דעם? עס לוינט אוועקצוגעבן פון די אייגענע הנאות...

## נאך עפעס אינטערעסאנט צו דערציילן ארום דער גליון?

איינמאל האט זיך געמאכט אז עס איז אויסגעאנגען די סטעיפלס (די קליינע אייזנדלעך וואס קנאקן צוזאמען די בלעטער) עס איז געווען שוין זייער נאנט צום דער צייט וואס מען קען נאך כאפן דעם שליח, אבער עס איז נישט געווען צובאקומען די אייזנדלעך. שוין, מיר האבן געמאכט תפלות אז דער אויבערשטער זאל שיקן א ישועה כאטש וואס מיט פליישיגע אויגן האט מען נישט געקענט זען פון וועלכע ריכטונג וועט אראפרעגענען די סטעפלס. נאך עטליכע מינוט באקומט מיין טאטע א טעלעפאן רוף פון א דרוקער פון אונזער געגענט מיט א בקשה אז היות זיינע מאשינען האבן זיך צעבראכן, ער האט א הויפן פון ארבעט, בעט ער אויב ער קען דרוקן מיט מיין טאטעס מאשין. "זייער גערן" האט מיין טאטע אים געזאגט, "אבער איך וויל פון אייך איין טובה", זאגט אים מיין טאטע:

"אייזנדלעך",

נישט קיין פראבלעם זאגט דער דרוקער, "איך האב וויפיל דו ווילסט!"

האבן מיר קלאר געזען אז יעדע קליינטישע אייזנדל אדער ווי עטליכע אידן אין ארץ ישראל רופן די קליינע אייזנדל 'שדכן - שדכנים' ווייל די קליינע סטעיפל איז א שדכן צווישן די אלע טייערע אותיות, די אלע ריינע בלעטער וועלכע פארברענען אלע טרייף פסול, און טאקע איין בלעטל שמות וועט זיין א תיקון פאר אלדינג.

## דו לערנסט אויך די שיינע לימודים אין דער גליון?

איך פרוביר יעדע וואך צו לערנען די שטיקלעך וואס שטייט אויף אידיש, מיין טאטע חזר'ט עס מיט מיר אמאל אויפן וועג אהיים פון שול, אזוי קען איך געדענקען די געוניע ווערטער וואס איז געווארן ארויסגעזאגט פון הייליגן רבי'ן אדער פון ר' נתן. א אידישע ווארט האט אלעמאל מער א כח, עס דרינגט אריין אין מיין הארץ. אויך ביים שבת טיש קען מען צומאל ארומרעדן די אידישע ווארט.

**א גרויסן יישר כח יענקי פאר דיינע אמת'ע ריינע ווערטער, זאלסט טאקע זוכה זיין צו וואקסן א ברסלב'ער חסיד וואס האט אויך געגוג איבערצוגיסן פאר נאך אסאך אידן די הייליגע עצות.**

# עֶרֶב שָׁבוּעוֹת

## בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת קוּמְט שׁוֹין אָט אָט צוּגֵיין מִיר וֶועלְן אַבִּיסְל אַרוּמְרֶעדְן וִוי אַ קְלֵיין טְרָאפֶּעלֶע פוּן גְרוֹיסְן יַם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן בַּיי אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער לֶעכְטִיגֶער רֶבִּי אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

אִינֶעם קְלֵיינֶעם בֵּית מִדְרָשְׁ'ל אִין שְׁטָאט זַאסְלַאב, דָאס שׁוּלְ'כְל וואוּ עֶס פְלֶעגְן דָארְט דַאוֶונֶען דִי שְׁנַיידֶערְ'ס פוּן דִי שְׁטָאט, אַזוֹי וִוי עֶס פְלֶעגְט זַיין אִין יֶענֶע צַייטְן – עֶס הָאט זִיךְ נָאךְ אַזוֹי גֶעצוֹיגְן בִּיז פַאר דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה אִין שְׁטָאט אוּמַאן אוֹיךְ – אַז אִין דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ פְלֶעגְט זַיין אַן עֶקְסְטֶערְן שׁוּל פַאר שְׁנַיידֶערְס, שׁוּסְטֶערְס, טְרֶעגֶערְס א.ד.ג.

עֶס אִיז אַפָּאר טֶעג פַאר שָׁבוּעוֹת, עֶס הַאלְטְן אִין אֵיין צוּקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חֲסִידִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְכֶע ווילְן זַיין אִין אֵיין שָׁאטְן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב. דֶער רֶבִּי הָאט גְרַאדֶע יֶענֶעם יָאר בַּאפוֹילְן פַאר זַיינֶע חֲסִידִים: "אַז קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגְן צוּ קוּמֶען צוּ אִים – אַזוֹי וִוי מֶען פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן קוּמֶען – קַיין זַאסְלַאב". אָבֶער דֶער



הֵיילִיגֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז בֶּאֱמֶת אִיז יָא דֶעם רֶבִּי'נְס ווִילְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוו צוּ אַלֶע גֶעגְנְטֶער וואוּ עֶס הָאבְּן זִיךְ נָאר גֶעפִינֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אוּן צוּגֶעשְׁטִיפְּט אַז מִיט דֶעם אַלֶעם זָאל מֶען יָא קוּמֶען קַיין זַאסְלַאב.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען אֱנָ"שׁ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם עֶרֶב שָׁבוּעוֹת, וואוּ קֶען מֶען דַאוֶונֶען אַ מַעֲרִיב מִיט אַ סְפִירַת הָעוֹמֶר? הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע אַלֶע צוּגֶעאֵיילְט צוּ דַאוֶונֶען אִין דֶעם שׁוּל וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען.

וִוי דֶער סֵדֶר פוּן בְּרֶסְלֶבֶע חֲסִידִים הָאבְּן זֵיי גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ בְּרֶען בִּפְרָט בַּיי סְפִירַת הָעוֹמֶר. וָואס אַ טָאג נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען מֶער אוּן מֶער חֲסִידִים אוּן אַלֶע קוּמֶען שְׁרֵייעֶן צוּזַאמֶען בַּיים דַאוֶונֶען.

דֶער שַׁמָּשׁ פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס הָאט אוֹיךְ בַּאדִינְט דָארְט דֶעם רֶבִּי'ן הָאט גָאר נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען חֲסִידִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן, הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַארְן

רֶבִּי'ן אוֹיף דֶער אָנְקוּם פוּן דִי 'מְשֻׁגָּעִים' (אַזוֹי הָאט עֶר גֶעמֵיינְט!) וָואס שְׁרֵייעֶן אוּן מַאכְן בַּאנוּמֶענֶע קוֹלוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן זָאגְן אַזוֹי לַאנְג סְפִירָה אַז עֶר קֶען נִישְׁט פַארְשְׁפַּארְן דֶעם שׁוּל וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. אָבֶער וִוי אַ טָאג נֶענְטֶער זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן אִים הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, עֶר קוּמְט ווִידֶער צוּ צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן אוֹיף דִי 'מְשֻׁגָּעִים', עֶס שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶער דָאס זֶעלְבֶּע, דֶער רֶבִּי עֶנְטְפֶערְט אִים גָארְנִישְׁט..

דִי חֲסִידִים הָאבּ טַאקֶע גָאר אַסַאךְ פַארְדִינְט



מֶשֶׁךְ דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְטְס מְגַלֶּה גֶעוֶוען תּוֹרָה ס"ז חֵלֶק א', אִינְטֶערְסַאנְטֶע עִנְיָנִים אוּן גִּלּוּיִים הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְטְס בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, שִׂיחוֹת אוּן סִפּוּרִים וָואס הָאט שַׁייכוּת צוּ דֶער תּוֹרָה, אוּן צוּ דִי רְפוּאָה פוּן דִי חָשׁוּבֶע רֶעבֶּעצִין פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען נִישְׁט גֶעקוּמֶען וָואלְט מֶען אַסַאךְ שָׁאדְן גֶעהַאט, צוּ פַארְלִירְן אַזֶעלְכֶע הֶערְלִיכֶע מַאֲמָרִים. אוּן טַאקֶע וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף דִי מְנִיעוֹת הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט דָאס חֵשֶׁק אוּן דִי וֶועלְט הָאט בַּאקוּמֶען אַזֶעלְכֶע מַתָּנוֹת.

וֶוען דֶער דֶערְהוֹיבֶּענֶער יוֹם טוֹב אִיז אַרִיבֶּער, הָאט דֶער שַׁמָּשׁ גֶעזֶען וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר מְקָרֵב דִי אַלֶע אִידְן, הָאט עֶר שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס זֶענֶען חֲסִידִים פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי זֶענֶען פוּנֶעם רֶבִּי'נְס לַייט, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט.

דָאס לֶעצְטֶע נַאכְט פַאר שָׁבוּעוֹת אִיז טַאקֶע אַ סְפֶּעצְיֶעלֶע סְפִירַת הָעֹמֶר בַּיי בְּרֶסְלֶבֶע חֲסִידִים מִיט בֶּענְקֶענִישְׁן אוּן כִּסּוּפִין. אִין דִי יָארְן נָאכְן רֶבִּי'נְס פְּטִירָה וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ פְלֶעגְן פָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב צוּ וַויילְן אִינְאֵיינֶעם מִיט ר' נָתָן, פְלֶעגְן זֵיי קוּמֶען אֵיין טָאג בֶּעפָאר יוֹם טוֹב אַז מֶען זָאל טַאקֶע קֶענֶען זַיין דִי לֶעצְטֶע סְפִירָה נַאכְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַּחַד ה' אִינֶעם גַאנְצְן שְׁטֶעטְל פוּן דִי קוֹלוֹת אוּן צְעָקוֹת פוּן סְפִירָה אוּן הֵיילִיגֶער הֲכָנָה צוּם חַג הַשָּׁבוּעוֹת.

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַצַ"ל הָאט גֶעהֶערְט פוּן זְקֵנִים פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלַב וָואס הָאבְּן נָאךְ גֶעדֶענְקְט דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן מַעֲמַד וֶוען זֵיי דְרִיקְן זִיךְ אוֹיס מִיט אָט דִי וֶוערְטֶער: "דָאס גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט פַּחַד ה', ס'אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹלוֹת אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל" אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז דִי גֶעשֶׁעפְטְן אוּן גֶעוֶועלְבְּן פְלֶעגְן שׁוֹין נָאכְמִיטָאג זִיךְ פַארְמַאכְן צוּצוּגְרֵייטְן זִיךְ צוּ דֶעם מַעֲרִיב. (שיש"ק)

# תְּהִלִּים מִיט תְּמִימוּת

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה:**

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט, בִּיז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶעבְּן אֵיינֶער אָן דֶעם צְווייטְן.

אֵיינְמָאל אִיז אֵיין אִינְגְל גֶעוָוארְן קְרַאנְק ל"ע, אוּן זַיין חָבֵר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן מַיין חָבֵר זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט?", הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאג תְּהִלִּים"!

עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִּים מִיט תְּמִימוּת, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן זַיין חָבֵר: "דוּ פִילְסְט שׁוֹין בֶּעסֶער?" אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן אַפָּאר מָאל.



וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: אַז דֶער חָבֵר אִיז נָאכְאַלְץ קְרַאנְק. הָאט עֶר וִוידֶער גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, בִּיז דֶער חָבֵר הָאט גֶעהַאט אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה.

דָאס הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען דִי וֶועג פוּן דַאוֶוענֶען בִּתְמִימוּת. מִיר דַארְפְן דַאוֶוענֶען אוּן מִתְפַּלֵל זַיין בִּתְמִימוּת, אוּן גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע תְּפִלָּה אִיז מַמְתִּיק דִי דִינִים, בִּיז אַלֶע דִינִים וֶועלְן וֶוערְן נִמְתָּק בִּשְׁלֵמוּת.

**לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת לָאמִיר כַאפְּן אַ שְׁטִיקְל שְׁפַּאצִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע שִׂיחוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוּן אִיז אוּנְז מְחַנֵּךְ צוּ עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.**

- שִׂיחָה י"ז: דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען? וָואס וֶועסְטוּ דֶערְלֵייגְן? דוּ וֶועסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא פַארְן לֶערְנֶען! דָאס דַארְף מֶען דָאךְ נִישְׁט זָאגְן אַז אוֹיבּ דִי תּוֹרָה וַוייזְט אַרוֹיס אִיר אַהֲבָה פַאר אֵיינֶעם דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ נִישְׁט עוֹלָם הַבָּא נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיין!

- שִׂיחָה י"ט: דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין דִי וֶועלְט צוּ עֲשִׂיָּה, דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער זָאל זִיךְ מַאכְן אַ חִיּוּב צוּ לֶערְנֶען כָּךְ וְכָךְ יֶעדְן טָאג. אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן נֶעבֶּעךְ פַארְזִינְקֶען אִין זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ חִיּוּב צוּ לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטְ'ס דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז מוֹרָא'דִיג גְרוֹיס.

- שִׂיחָה כ"ו: דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ מְ'שְׁפִּירְט אַז מֶען פַארְגֶעסְט וָואס מְ'לֶערְנְט. וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט אוֹיף יֶעדְן טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ מְ'פַארְגֶעסְט. לֶעָתִיד וֶועט מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אוֹיךְ דִי תּוֹרָה וָואס מְ'הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם צַדִּיק אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דָא, וֶועט מֶען אִין עוֹלָם הַבָּא זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין! וואוֹיל פַאר דֶער וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה!

- שִׂיחָה כ"ג: סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קוּמֶען אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אָן קַיין שׁוּם לְבוּשׁ, אַ בֶּגֶד פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת, וַוייל נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה וּמִצְוֹת הָאט מֶען קְלֵיידוּנְג אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן אָנְגֶערוּפְן: "וואוֹיל פַאר דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן טְרִינְקֶען אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן זִיךְ אָנְטוּן מִיט אַפָּאר מִצְוֹת! (בעז"ה אין אן אנדערע געלעגנהייט וועלן מיר ברענגען שיחה ע"ו)

# קעסטל רעטעניש

שבועות ביינאכט זאגן מיר דעם תיקון ליל שבועות - וואס דער אר"י הקדוש האט צאם געשטעלט פון אלע חלקי התורה

אין דעם קעסטל איז צו שפרייט אסאך נעמען פון די הייליגע תורה - מ'קען עס טרעפן - גלייך - אראפ - קרום

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | מ | ב | ר | י | י | ת | א | ג | א | ו | נ | י | מ |
| ס | פ | ר | ה | מ | י | ד | ו | ת | א | ת | ה | נ | ו |
| י | ת | נ | א | ג | ד | ה | מ | ג | י | ל | ו | ת | ל |
| פ | ש | ל | ח | נ | ע | ר | ו | כ | ל | י | כ | ל | ק |
| ו | כ | ס | ף | ו | ר | א | ש | ו | נ | י | מ | ז | ו |
| ר | ו | י | ק | ר | א | ל | ג | ה | ב | ו | א | ב | ט |
| י | ב | מ | ד | ב | ר | ק | מ | ש | נ | י | ו | ת | י |
| מ | ק | ב | ל | ה | ת | ו | ר | ה | נ | י | מ | ו | ת |
| ע | ד | ר | ק | ט | ו | ט | א | ח | ו | מ | ש | ס | פ |
| ש | ב | א | ו | ח | ס | י | ד | ו | ת | א | ב | פ | י |
| י | ר | ש | ט | ז | ו | מ | ת | ו | מ | ח | ר | ת | ל |
| ו | י | י | י | ג | ו | ו | ל | י | מ | ר | ו | א | ו |
| ת | מ | ת | ה | ת | ש | ה | ב | ע | ו | ו | ל | מ | ת |
| א | ב | ב | ל | י | י | ר | ר | נ | י | נ | ס | ד | ה |
| ר | א | ל | כ | א | ב | נ | ב | י | א | י | מ | ר | ל |
| מ | י | ר | ו | ש | ל | מ | י | ק | ו | מ | מ | ת | י |
| ו | ר | ה | ת | ש | מ | ו | ת | ת | ק | ו | נ | י | מ |

טרעף די ווערטער

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| בראשית | תורה | ברייתא | אגדה | גאונים | לקוטי מוהר"ן |
| שמות | חומש | תוספתא | זוהר | ראשונים | ספר המידות |
| ויקרא | נביאים | גמרא | תקונים | שלחן ערוך | ספורי מעשיות |
| במדבר | תהילים | בבלי | קבלה | אחרונים | לקוטי הלכות |
| דברים | מגילות | ירושלמי | מדרש | חסידות | לקוטי תפילות |
| | משניות | | | מוסר | |

פון אלע איבעריגע אותיות וואס איז דיר ארויס געקומען?

______________________________________________

וואו שטייט דאס? _______________ און ווער האט דאס געזאגט פאר וועמען? __________________________




יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע יוֹמָא דְהִילוּלָא בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דִי יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְצוּקַ"ל אוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גְעוֶוען דֶער גְרִינְדֶער פוּן חֲסִידוּת, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ נַייֶע לִיכְטִיגְקַייט ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט שִׂמְחָה, אַז נִישְׁט נָאר דִי גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים זָאלְן קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר אֲפִילוּ הַפָּשׁוּט שֶׁבַּפְּשׁוּטִים, דִי דָארְפִישֶׁע פְּשׁוּט'ע אִידְן זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט גְעוִויזְן פַאר אַלֶעמֶען, ווִי אַזוֹי עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד אוּן הִיט אוֹיף אִים בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית. אַסַאךְ אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִין צַדִּיקִים, אוּן פַאר דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הָאט עֶר גְעוִויזְן אַ נַייֶע וֶועג אִין עֲבוֹדַת ה', אִין אֱמוּנָה, אִין תְּפִלָּה, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ רַעַשׁ אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעצוֹיגְן זַיין יִחוּס בִּיז דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עֶס אִיז טַאקֶע אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אַז אוֹיךְ דָּוִד הַמֶּלֶךְ אִיז נִפְטַר גְעוָוארְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, יָארְן אִיז אִיז דֶער יִחוּס נִישְׁט גְעוֶוען בַּאוואוּסְט. וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם שִׁידוּךְ פוּן זַיין תַּלְמִיד ר' נַחְמָן הָארְדַאנְקֶער זַצַ"ל הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם גֶעפְרֶעגְט וָואס וֶועט אִיר מִיר גֶעבְּן פַאר שַׁדְכָנוּת גֶעלְט? ר' נַחְמָן הָארְדַאנְקֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט אוֹיבּ בַּיי מִיר וֶועט זַיין אַ טָאכְטֶער אוּן בַּיי דִיר אַ זוּהְן וֶועלְן מִיר אַ שִׁידוּךְ טוּן, אָבֶּער ר' נַחְמָן הָארְדַאנְקֶער הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גְעוֶוען דֶערוֹיף, עֶר הָאט גֶעטַעֲנֶה'ט פַארְן בַּעַל שֵׁם אַז עֶר אִיז מְיוּחָס בִּיז צוּ דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אוּן אַ שִׁידוּךְ ווִיל עֶר מַאכְן אוֹיךְ מִיט אַ מְיוּחָס, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם הָאט דַאן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיין מְגִלַּת הַיּוּחֲסִין, אוּן הָאט גְעוִויזְן פַאר ר' נַחְמָן הָארְדַאנְקֶער אַז עֶר אִיז מְיוּחָס בִּיז צוּ ר' גַּמְלִיאֵל הַזָּקֵן וָואס אִיז בַּאוואוּסְט אַז עֶר אִיז מְיוּחָס בִּיז דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, דַאן הָאט ר' נַחְמָן מַסְכִּים גְעוֶוען צוּם שִׁידוּךְ, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז נִתְגַּלָּה גְעוָוארְן דֶעם יִחוּס פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב.

ר' נַחְמָן הָארְדַאנְקֶער הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן שִׂמְחָה, שִׂמְחָה אִיז גְעוֶוען אַ יָתוֹם, זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטַר גְעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז אַלְט גְעוֶוען אַ חֹדֶשׁ, עֶר הָאט זִיךְ אַלֶע יָארְן גֶעהָאדֶעוֶועט אִין דִי שְׁטוּבּ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדֶל אַז דָאס אִיז אַ וואוּיל קִינְד, אָדֶל הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דִי טִיפֶערֶע כַּוָּונָה אִין דֶעם דִבּוּר פוּן אִיר טַאטֶע, אוּן וֶוען אִיר טָאכְטֶער פֵּייגָא אִיז גְרוֹיס גְעוָוארְן הָאט זִי גֶענוּמֶען דֶעם וואוּילְן שִׂמְחָה פַאר אַ חָתָן, דֶער יוּנְגֶער פָּארְפָאלְק הָאט בַּאקוּמֶען דִי דִירָה פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַלְץ נַדְן, אוּן הָאבְּן דָארְט גְעוואוֹינְט, דָאס זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵּייגָא זְצוּקַ"ל, חוּץ פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִים אַלֵיין מִצַּד עַצְמוֹ, אִיז עֶר אוֹיךְ גְעוֶוען מְיוּחָס פוּן בֵּיידֶע זַייטְן צוּם נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל, דָּוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל חַי וְקַיָּם.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט תַּלְמִידִים צַדִּיקִים, גְּדוֹלֵי עוֹלָם, ווִי דֶער "תּוֹלְדוֹת" דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁ'ער מַגִּיד, אוּן ר' אַהֲרֹן הַגָּדוֹל מְקַארְלִין, ר' נַחְמָן הָארְדַאנְקֶער, אוּן נָאךְ פִיל גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע

צַדִיקִים, וָואס הָאבְּן אוֹיפְגֶעלוֹיכְטְן דִי וֶועלְט, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אִין דִי וֶועלְט אַסַאךְ גֶעוַואלְדִיגֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם, וָואס מֶען זָאגְט אִיבֶּער פוּן צַדִיקִים אַז נָאר צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גְרוֹיסֶע סְגוּלָה, אוּן אִיז מַמְשִׁיךְ גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, בַּיי אַסַאךְ אִידְן הָאט מֶען זִיךְ גֶעפִירְט צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל שֵׁם בַּיי סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

## דִי לִיכְט פוּן חֵלֶב

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַמָאל גֶעשְׁטַאנֶען גְרֵייט צוּ דַאוֶוענֶען, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן, סְאִיז אִים גֶעפַאלְן אִין גֶעדַאנְק אַ בִּלְבּוּל וָואס הָאט אִים צוּטוּמְלְט דָאס דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר רֵייכֶערְט אַ לוּלְקֶע (אַלְטֶע סָארְט סִיגַאר) בַּיי דִי חֵלֶב לִיכְט, אִיז עֶר אֶפְשָׁר נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט אַ אִסוּר חֵלֶב, (בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גָארְנִישְׁט קַיין שׁוּם אִסוּר, נָאר דֶער בַּעַל דָבָר הָאט אִים גֶעוָואלְט פַארְמִישְׁן זַיין הֵיילִיגֶע תְּפִלָּה) וְוִיפִיל דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעוָואלְט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי מַחֲשָׁבָה פוּן זִיךְ אוּן אָנְהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען, אִיז אִים עֶס נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן צוּמִישְׁט אֶפְשָׁר אִיז עֶר עוֹבֵר אַ גְרוֹיסֶע אִסוּר פוּן דִי תּוֹרָה,?!

אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁטַאנֶען אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים גֶעקוּמֶען דִי מַחֲשָׁבָה אוּן צוּטוּמְלְט "אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ עוֹבֵר אוֹיף אַ אִסוּר חֵלֶב?" בִּיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן אָרְט, אוּן זִיךְ בַּאשְׁוואוּירְן, אַז עֶר גֵייט אֵייבִּיג רֵייכֶערְן דִי לוּלְקֶע בַּיי דִי חֵלֶב לִיכְט! דֶעמָאלְס אִיז דִי מַחֲשָׁבָה אַוֶועק, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט כְּדֵי צוּ גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער בַּעַל דָבָר קוּמְט אוֹיף יֶעדְן אִיד בְּשַׁעַת עֶר גֵייט דַאוֶוענֶען, אוּן וִויל אִים שְׁטֶערְן זַיין תְּפִלָּה, מִיט אַלֶע סָארְט פְרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַמָאל קוּמְט עֶר אוֹיךְ מִיט אַ פְרוּמְקֵייט אַז אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג, אָדֶער נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין אַן עֲבֵירָה א.ד.ג.... עֶר וִויל אִים נָאר מוֹנֵעַ זַיין פוּן צוּ דַאוֶוענֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן קֶעגְן אִים, זִיךְ נִישְׁט וְוִיסְנְדִיג מַאכְן זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען... (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תקנב)

## אַ מַחֲשָׁבָה פוּן גֵאוּת

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעדַאוְונְט אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין הֵיילִיגֶע חֶבְרַיָּה, זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוְונְט בְּכֹחַ, מִיט זֵייעֶר גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אַזוֹי וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַ בְּרֶען. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן זֵיי בַּאמֶערְקְט אַז זֵייעֶר רֶבִּי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט צוּפְרִידְן, זַיין פָּנִים אִיז



גֶעוֶוען אַבִּיסְל בֵּייז, שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט:

"אִין דִי צַייט וָואס אַייךְ הָאבְּן גֶעדַאוְונְט אַזוֹי שֵׁיין, הָאט דֶער בַּעַל דָבָר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אַייךְ מַחֲשָׁבוֹת פוּן גַאֲוָה, אַז עֶנְק זֶענֶען מִתְפַּלֵל מִיט אַ דְבֵיקוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶס אִיז נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אִין הִימְל אַ גְרוֹיסֶער קִטְרוּג אוֹיף עֶנְק וֶועגְן דֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ מִיר אַסַאךְ גֶעפְּלָאגְט דָאס צוּ מַמְתִּיק זַיין."

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט כְּדֵי צוּ אוֹיפְקְלֶערְן וְוִיפִיל מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער נִצַל צוּ וֶוערְן פוּן גֵאוּת.

אוּן דָארְט זֶענֶען זִיךְ צוּם־אוֹיף־גֶעקוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען] דִי אִיבְּרִיגֶע 'הַאדַאיֶיעס' [פַּאסְטוּכֶער] וָואס זֵיי טְרַייבְּן 'בְּהֵמוֹת' – זֶענֶען זֵיי אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען!

אוּן עֶר הָאט גֶעטְרִיבְּן [גֶעפִירְט] דִי 'בְּהֵמוֹת', אוּן דֶער 'סוֹחֵר' הָאט גֶערִיטְן אוֹיף אַ 'פֶערְד' – אוּן אִיז בַּיי [נֶעבְּן] זֵיי גֶעגַאנְגֶען! אוּן דֶער 'סוֹחֵר' הָאט גֶערִיטְן מִיט 'אַכְזָרִיוּת' (דְהַיְינוּ: מִיט 'כַּעַס' אוּן 'אוּמְדֶערְבַּארֶעמְקַייט')! אוּן אַקֶעגְן אִים – אִיז עֶר גֶעוֶוען מִיט מֶער 'אַכְזָרִיוּת'!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוּן זֵייעֶר גֶעשְׁרָאקְן פַאר דֶעם 'סוֹחֵר' – מַחֲמַת [וַוייל] עֶר הָאט אִים גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר הָאט זֵייעֶר־גְרוֹיס 'אַכְזָרִיוּת' אוּן 'כַּעַס' אַקֶעגְן אִים".

אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט: "טָאמֶער טוּט עֶר אִים אֵיין זֶעץ מִיט דֶעם 'שְׁטֶעקְן', וֶועט עֶר תֵּיכֶּף 'שְׁטַארְבְּן'" – (וָוארְן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ – אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] זַיין אֵיידְלְקֵייט, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁרָאקְן, אוּן סְ'הָאט זִיךְ אִים [דֶערִיבֶּער] אַזוֹי גֶעדַאכְט). אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי 'בְּהֵמוֹת' – אוּן דֶער 'סוֹחֵר' בַּיי [נֶעבְּן] זֵיי, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ אָרְט, הָאט מֶען גֶענוּמֶען דֶעם 'זַאק', וָואס דָארְט לִיגְט דָאס 'בְּרוֹיט' פוּן דִי 'הַאדַאיֶיעס' [פַּאסְטוּכֶער] – אוּן מְ'הָאט [דֶער 'סוֹחֵר' הָאט] זֵיי גֶעגֶעבְּן 'עֶסְן'!

אוּן אִים הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן פוּן דֶעם 'בְּרוֹיט – אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן! דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, פַאר [נֶעבְּן] זֵייעֶר אַ 'גֶעדֶעכְטְן וַואלְד' [וָואס דִי 'בֵּיימֶער' זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן]!

זֶענֶען פַארְגַאנְגֶען [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט גֶעוָוארְן] 'צְוֵויי בְּהֵמוֹת' פוּן זַיינֶע 'בְּהֵמוֹת' – אִין 'וַואלְד' אַרַיין! הָאט אוֹיף אִים דֶער 'סוֹחֵר' אַ גֶעשְׁרַיי גֶעטָאן! אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען נָאךְ דִי 'בְּהֵמוֹת' – עֶר זָאל זֵיי כַאפְּן! אוּן דִי 'בְּהֵמוֹת' – זֶענֶען וַוייטֶער [נָאךְ מֶער] אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן! – אוּן עֶר הָאט זֵיי נָאכְגֶעיָאגְט!

אוּן מַחֲמַת [וַוייל] דֶער 'וַואלְד' אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעדֶעכְט – אִיז תֵּיכֶּף וִוי עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין 'וַואלְד' אַרַיין – הָאבְּן זֵיי זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶעהְן אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע – אוּן עֶר אִיז תֵּיכֶּף נֶעלַם גֶעוָוארְן (דְהַיְינוּ: פַארְהוֹילְן גֶעוָוארְן) פוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגְן (דְהַיְינוּ: פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע וָואס זֵיי זֶענֶען מִיט אִים גֶעגַאנְגֶען).

אוּן 'עֶר' (דְהַיְינוּ: דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ') וָואס בַּיי אִים זֶענֶען עֶס פַארְגַאנְגֶען [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט גֶעוָוארְן] דִי 'צְוֵויי בְּהֵמוֹת' – אִיז אַלְץ גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט נָאכְגֶעיָאגְט דִי 'בְּהֵמוֹת' – אוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפְן אַלְץ!

אוּן עֶר הָאט זֵיי אַסַאךְ נָאכְגֶעיָאגְט! – בִּיז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען [טִיף] אִין 'גֶעדֶעכְטְן וַואלְד' אַרַיין!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "סַיי וִוי סַיי וֶועל אִיךְ שׁוֹין שְׁטַארְבְּן – וָוארְן אַז [אוֹיבּ] אִיךְ וֶועל מִיךְ אוּמְקֶערְן אָן דִי 'בְּהֵמוֹת' – וֶועל אִיךְ שְׁטַארְבְּן דוּרְךְ דֶעם 'סוֹחֵר'"!

וָוארְן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] גְרוֹיס 'פַּחַד' וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פַאר דֶעם 'סוֹחֵר' – הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט: "אַז דֶער 'סוֹחֵר' וֶועט אִים הַרְגֶ'עְנֶען, אַז [אוֹיבּ] עֶר וֶועט זִיךְ אוּמְקֶערְן אָן דִי 'בְּהֵמוֹת"! "אוּן אַז אִיךְ וֶועל דָא זַיין – וֶועל אִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְבְּן – דוּרְךְ דִי 'חַיוֹת' פוּן דֶעם 'וַואלְד"!

הָאט עֶר זִיךְ [דֶערִיבֶּער] מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "וָואס

[פאַרוואָס] זאָל איך מיך אומקערן צום 'סוחר' – ווי [וויאַזוי] קען איך צו אים קומען אָן די 'בהמות'"! – וואָרן ער האָט געהאַט גרויס 'פּחד' פאַר אים.

איז ער געגאַנגען – און האָט ווייטער נאָכגעיאָגט נאָך די 'בהמות' – און זיי אַנטלויפן אַלץ!

דערווייל איז 'נאַכט' געוואָרן – און אַזוינס האָט ער נאָכנישט געהאַט, אַז ער זאָל מוזן נעכטיגן אַליין ביינאַכט, אין אַזוי אַ [אַזאַ] 'געדיכטן וואַלד'.

און ער האָט געהערט דאָס 'ברומען' פון די 'חיות' – וואָס זיי האָבן געברומט אַזוי־ווי זייער סדר איז.

האָט ער זיך מיישב געווען – און איז אַרויפגעגאַנגען אויף אַ 'בוים' – און האָט דאָרט גענעכטיגט – און ער האָט געהערט דאָס 'קול' פון די 'חיות', וואָס זיי האָבן געשריגן אַזוי־ווי זייער סדר איז.

'אינדערפרי' האָט ער אַ קוק געטאָן – האָט ער געזען: "אַז די 'בהמות' שטייען נאָנט נעבן אים"!

איז ער אַראָפּ פון דעם 'בוים – און איז געגאַנגען זיי כאַפּן – זענען זיי ווייטער [נאָכמער] אַנטלאָפן געוואָרן.

איז ער זיי נאָכגעגאַנגען ווייטער – און זיי זענען ווייטער [נאָכמער] אַנטלאָפן געוואָרן. און די 'בהמות' – האָבן זיך געפונען דאָרט עפּעס 'גראָז' צו עסן – האָבן זיי זיך געשטעלט 'פּאַשען' [פּאַשענען].

איז ער נאָכגעגאַנגען זיי כאַפּן – זענען זיי ווייטער [נאָכמער] אַנטלאָפן געוואָרן.

און אַזוי איז ער אַלץ זיי נאָכגעגאַנגען, און זיי אַנטלויפן – ער גייט זיי ווייטער נאָך, און זיי אַנטלויפן.

ביז ער איז אַריינגעקומען, אין 'זייער־געדיכטן [גאָר טיף אינעם] וואַלד' אַריין – וואָס דאָרטן איז שוין געווען 'חיות', וואָס זיי האָבן גאָר קיין מורא נישט פאַר קיין מענטשן – וואָרן זיי זענען ווייט פון דעם 'ישוב'.

און סע [ס'איז] ווידער געוואָרן 'נאַכט' – און ער האָט געהערט דאָס 'קול', ווי די 'חיות' ברומען – און ער האָט זיך זייער געשראָקן!

דערווייל האָט ער דערזעהן: ווי סע [ס'איז] דאָרט געשטאַנען 'זייער אַ גרויסער בוים' – איז ער אַרויף אויף דעם 'בוים!

ווי ער איז אַרויף אויף דעם 'בוים' – האָט ער דערזעהן: "ס'ליגט דאָרט אַ 'מענטש'"! – האָט ער זיך דערשראָקן!

נאָר פונדעסטוועגן, האָט ער הנאה געהאַט [זיך באַרואיגט] – מחמת [ווייל] ער האָט דאָ געפונען אַ 'מענטשן'!

האָבן זיי זיך געפרעגט איינס דאָס אַנדערע:

"ווער ביזטו"?! – [האָט דער אַנדערער געענטפערט]: "אַ 'מענטש'"!

"ווער ביזטו"?! – אַ 'מענטש'!

[פרעגט אים 'יענער']: "פון וואַנעט קומסטו אַהער"?!

האָט ער אים נישט געוואָלט דערציילן "וואָס מיט אים האָט זיך איבערגעטאָן [אָפּגעטוהן]"! – האָט ער אים [נאָר דאָס] געענטפערט: "דורך די 'בהמות' וואָס איך האָב געפּאַשעט, זענען 'צוויי בהמות' פאַרגאַנגען [זיך פאַרבלאָנדזעט] אַהער – און דורכדעם בין איך אַהערגעקומען"!

הָאט 'עֶר' וִוידֶער גֶעפְרֶעגְט 'יֶענֶעם מֶענְטְשְׁן' וָואס עֶר הָאט גֶעפוּנֶען דָארְט אוֹיף דֶעם 'בּוֹים': "פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַהֶערְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם 'פֶערְד' - וָוארְן אִיךְ הָאבּ גֶערִיטְן אוֹיף אַ 'פֶערְד' - הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אָפְּרוּעֶן - אִיז דָאס 'פֶערְד' פַארְגַאנְגֶען [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] אִין 'וַואלְד' אַרַיין - הָאבּ אִיךְ עֶס נָאכְגֶעיָאגְט אִיךְ זָאל עֶס כַאפְּן - אוּן דָאס 'פֶערְד' אִיז וַוייטֶער [נָאכְמֶער] אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן - בִּיז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער"!

הָאבְּן זֵיי צְוִוישְׁן זִיךְ גֶעמַאכְט [אָפְּגֶעמַאכְט]: "אַז זֵיי זָאלְן [וֶועלְן] זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם"!

אוּן זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט: "אַז אֲפִילוּ אַז [וֶוען] זֵיי וֶועלְן קוּמֶען אִין 'יִשׁוּב' אַרַיין - זָאלְן [וֶועלְן] זֵיי זִיךְ אוֹיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם"!

אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט בֵּיידֶע - אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעהֶערְט דָאס 'קוֹל' פוּן דִי 'חַיוֹת', וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרוּמְט אוּן הָאבְּן זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן!

'אַקֶעגְן־טָאג' [פַארְטָאגְס] - הָאט עֶר גֶעהֶערְט: זֵייעֶר אַ 'גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער' (חַא חַא חַא) אִיבֶּערְן גָארְן [גַאנְצְן] וַואלְד' (כְּלוֹמַר: דָאס 'קוֹל' פוּן דֶעם 'גֶעלֶעכְטֶער', אִיז גֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער 'גָאר דֶעם וַואלְד') - וָוארְן סְ'גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ 'גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער' - בִּיז דֶער 'בּוֹים' הָאט גֶעצִיטֶערְט פוּן דֶעם 'קוֹל' פוּן דֶעם 'גֶעלֶעכְטֶער'!

אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן, אוּן הָאט גְרוֹיס 'פַּחַד' גֶעהַאט דֶערְפוּן!

הָאט אִים דֶער 'אַנְדֶערֶער' גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶענְטְשׁ' וָואס עֶר הָאט גֶעפוּנֶען דָארְט אוֹיף דֶעם 'בּוֹים'): "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גָאר קַיין 'פַּחַד' נִישְׁט דֶערְפוּן - וָוארְן אִיךְ נֶעכְטִיג דָא שׁוֹין כַּמָּה נֶעכְט - אִיז 'אַלֶע [יֶעדֶע] נַאכְט' אַזוֹי - וִוי [וֶוען] סְ'קוּמְט 'נָאנְט צוּ טָאג' - הֶערְט מֶען דָאס 'גֶעלֶעכְטֶער' - בִּיז 'אַלֶע בֵּיימֶער' צִיטֶערְן אוּן טְרֶעסְן [וַוארְפְן] זִיךְ"!

הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁרָאקְן! - אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'אַנְדֶערְן': "סְ'הָאט אַ פָּנִים, אַז דָא אִיז דָאס אָרְט פוּן דִי לַייט (כְּלוֹמַר: פוּן דִי 'שֵׁדִים') - וָוארְן אִין 'יִשׁוּב', הֶערְט מֶען גָארְנִישְׁט אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גֶעלֶעכְטֶער' - וָוארְן וֶוער הָאט גֶעהֶערְט אַ 'גֶעלֶעכְטֶער' אוֹיף 'גָאר דֶער וֶועלְט' [דִי גַאנְצֶע וֶועלְט]"?!

דֶערְנָאךְ אִיז גֶעוָוארְן תֵּיכֶף 'טָאג' - הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גֶעטָאן, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן: "[אַז] דִי 'בְּהֵמוֹת' זַיינֶע שְׁטֵייעֶן - אוּן דָאס 'פֶערְד' פוּן יֶענֶעם אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען"!

זֶענֶען זֵיי אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען - אוּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ־צוּ־יָאגְן - 'דֶער' נָאךְ דִי 'בְּהֵמוֹת', אוּן 'דֶער' נָאךְ דֶעם 'פֶערְד'!

אוּן דִי 'בְּהֵמוֹת' זֶענֶען אַנְטְלָאפְן וַוייטֶער [נָאכְמֶער] - אוּן עֶר יָאגְט נָאךְ וְכוּ', כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דֶער 'אַנְדֶערֶער' - יָאגְט אַלְץ נָאךְ דָאס 'פֶערְד' - אוּן דָאס 'פֶערְד' אַנְטְלוֹיפְט אַלְץ!

בִּיז זֵיי זֶענֶען פַארְגַאנְגֶען [דֶערְוַוייטֶערְט אוּן פַארְבְּלָאנְדְזֶעט גֶעוָוארְן] אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן - אוּן אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוואוּסְט.

נאמען: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די עלטערע מעשה - דער בן מלך ובן שפחה שנתחלפו (3)

**א. וואס האט פאסירט מיט'ן אמת'ער בן המלך ווען ער איז אנגעקומען צום וואלד?**
- ❑ צווי בהמות האבן פארבלאנדזעט אין וואלד
- ❑ ער האט זיך דערמאנט זיין חרטה אויף זיינע עבירות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער אמת'ער בן המלך נאכדעם געטוהן?**
- ❑ ער האט זיך געלייגט שלאפן
- ❑ ער איז נאכגעלאפן די בהמות אין געדיכטן וואלד
- ❑ ער האט זיך באהאלטן אין א גרוב

**ג. פארוואס האט ער מורא געהאט פונעם סוחר, אז ער וועט אים הרג'ענען, אויב וועט ער קומען אן די בהמות?**
- ❑ ווייל דער סוחר האט אים אזוי אנגעווארענט
- ❑ ווייל עס האט זיך אים אזוי געדאכט
- ❑ ווייל ער האט זיך אזוי גע'חלום'ט

**ד. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטוהן אינדערפרי ווען ער האט געזען אז די בהמות זענען נעבן אים?**
- ❑ ער איז אראפ פון בוים זיי צו כאפן און זיי זענען ווייטער אנטלאפן
- ❑ ער האט זיי געכאפט און צו געבונדן צו א בוים
- ❑ ער האט זיי געשלאגן

**ה. ווענמען האט דער אמת'ער בן המלך געפונען אויפ'ן בוים?**
- ❑ דער סוחר
- ❑ א מענטש
- ❑ זיין חבר

**ו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געענטפערט ווען ער האט אים געפרעגט פון וואו קומסטו אהער?**
- ❑ דורך די בהמות וואס זענען פארגאנגען (פארבלאנדזשעט)
- ❑ דורך די פערד וואס איז פארגאנגען
- ❑ דורך עפעס א סוחר

**ז. וואס האבן זיי אפגעשמועסט?**
- ❑ אז אפילו אז זיי וועלן קומען אין ישוב אריין זאלן זיי זיך אויך האלטן אינאיינעם
- ❑ אז מ'דארף נישט נאכלויפן נאך די בהמות און די פערד
- ❑ זיי האבן זיך מחזק געווען איינער דעם אנדערן

**ח. וואס האבן זיי געהערט נאנט צו אינדערפרי?**
- ❑ א קול פון חיות וואס ברומען
- ❑ זייער א גרויס געלעכטער
- ❑ די קול פון די געזאנג פון פייגעלעך

**ט. וואס האבן זיי געזען ווען ס'איז געווארן טאג?**
- ❑ די בהמות
- ❑ די פערד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער אריין

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין מעשה י' בערגיר ועני, און אין אונזער מעשה "הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶיוֶוען"?

~~ ~~~ ~~ ~~~ ~~ ~~~ ~~

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

אויף וויפיל מענטשן דערציילט דער רבי אין סיפורי מעשיות - ביז דא - אז זיי האבן זיך געחלומ'ט א חלום?

אין מעשה ז' זבוב ועכביש: דער מלך, אין מעשה ח' רב און בן יחיד: דער רב

אין מעשה י' בערגיר מיטן ארימאן: דער בערגיר, און די ווייב פון ארימאן

במעשה זו: דער אמת'ער בן המלך - און בהמשך דער בן השפחה און ביי ז' בעטלערס דער מלך אכזר

**געווינער אויף בן המלך ושפחה # 1 איז אפרים פישל ראטענבערג, ירושלים**

**געווינער אויף בן המלך ושפחה # 2 איז נחום אנשין, בית שמש, טעלעפאן 5134 *****

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# דעם רבינ'ס משלים



# שוואכע גבורים..

מען האט אַמאָל געפרעגט פון ר׳ נתן ווי אַזוי קען זיין אַז משיח איז נישט געקומען צו די פריערדיגע דורות, און אפילו נישט אין רבי'נס דור, נאר דווקא אין די לעצטע צייטן ווען די דורות גייען מער אַראָפּ, צו זיי וועט משיח קומען?

ר׳ נתן האט זיי געענטפערט אַזוי: "עס איז געגליכן צו משל:

עס איז אַמאָל געווען זייער אַ גרויסע שטאָט וואס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שטאַרקע פעסטונג און אַ גרויסע מויער, אַלע קעניגן פון די וועלט האבן זיך געפלאָגט מיט אַלע זייערע כוחות און מיטלען צו קענען איינברעכן די מויער, זייער גאנצע האפענונג איז געבליבן הענגען אין די לופט, אַלע זייערע פיילן און טאַנקען, ראַקעטן האבן נישט געקענט צוברעכן דעם שטיינערנעם וואנט.

אַ שטיק צייט שפעטער איז געקומען נאך אַ קעניג ער איז אַרום געגאנגען און זיך אומגעקוקט מיט קלוגשאַפט וויאַזוי איינצונעמען דעם פעסטונג. זיין גאנצן מיליטער מיט די גרעסטע גבורים און גענעראַלן האבן געהאקט אויפן פעסטונג כדי איר איינצונעמען אָבער פון גרויס שטייפקייט פון דעם פעסטונג זענען די מיליטער לייט צוביסליך געפאלן, שפעטער זענען אויך געפאלן אַלע זיינע גבורים ביז עס איז געבליבן נאר דער קעניג אַליין.

דער קעניג האט נישט אויפגעגעבן, ער איז נאכאַמאָל אַרום די פעסטונג און געזען אַז דער שטייפער וואנט איז שוין אינגאַנצן חרוב און צובראָכן געווארן פון אינעווייניג, עס קוקט נאר אויס פון אינדרויסן ווי אַ גאנצער וואנט.

האט דער קעניג צאַמגענומען אַלע פרויען און קינדער וואס זענען נאך געבליבן אין זיין לאַנד, און מיט פשוטע העלצער און קלעצער האבן זיי אַראָפּגעוואָרפן דעם גאנצן פעסטונג.

יעצט טייערע קינדער ווער האט צוואָרפן די וואנט? אפשר די פרויען און שוואכע קינדער?

אפילו אויב די קינדער וואָלטן געקנאַקט מיט אַלע זייערע כוחות טויזנטער יאָרן קענען זיי אפילו נישט מאַכן צופיל קריצן אין די שטייפע וואנט, פאַרשטייט זיך אַז נאר מיט די כח פונעם ערשטן גבור וואס האט צובאַמבעט דעם וואנט כמעט ביזן סוף האבן זיי געקענט צוברעכן דעם וואנט.

ווייטער די ערשטע גבורים האבן אויך נישט אינגאַנצן איינגענומען דעם פעסטונג, נאר די קינדערלעך די לעצטע דורות האבן למעשה דאס צוגעענדיגט און דאס אינגאַנצן איינגענומען.

אַזוי אויך מיט די גאולה וואס מיר וואַרטן שוין טויזנטער יאָרן, די ראשונים, די אמתע צדיקים ווי משה רבינו, רבי שמעון בר יוחאי, דער אר"י הקדוש, דער הייליגער בעל שם טוב, און אַלע אַנדערע צדיקים האבן געוואָרפן פיילן פאַרן שטן דער שלעכטער יצר הרע, ביז דער שטן איז שוין אַזוי צושאָקלט און צוטראַסקעט, אַז ווער ס'זאָל נאר זיין וועלכע קינד פון היינטיגער דור קען איינעמען און דערנענטערן די גאולה במהרה בימינו אמן.